# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת חיי שרה תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 458



בני אמונים מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## דאווענען ברחמים ותחנונים

**"וָאָבֹא הַיּוֹם אֶל הָעָיִן וָאֹמַר ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם אִם יֶשְׁךָ נָּא מַצְלִיחַ דַּרְכִּי אֲשֶׁר אָנֹכִי הֹלֵךְ עָלֶיהָ"** (כד מב)

**רבי שלמה יום טוב פאללאק לאנדסבערגער רב - ברוקלין זאגט:**

ווען אליעזר שילדערט זיינע איבערלעבענישן פאר די משפחה פון רבקה, באטאנט ער אז ער האט זיך נישט גע'עקש'נט ביים בעטן און דאווענען אז ה' זאל אים העלפן און אים מאכן טרעפן די זיווג פון יצחק, נאר ער האט געבעטן מיט רחמים ותחנונים: "אִם יֶשְׁךָ נָּא מַצְלִיחַ דַּרְכִּי", און אזוי ווי אונקלוס טייטש: "אם אית כען רעווא קדמך לאצלחא ארחי" [אויב איז עס באוויליגט פאר דיר איך זאל מצליח זיין אין מיין וועג].

די ווערטער זענען צוגעפאסט צו דער יסוד וואס **רבי נחמן מברסלב** זאגט אין עבודת התפילה ('ליקוטי מוהר"ן' ח"א אות קצו): "א מענטש מעג זיך נישט שטעלן אויף קיין שום זאך, ד.מ. ער מעג זיך נישט עקשנ'ען אויף קיין שום זאך, אז השי"ת זאל טון זיין בקשה, ווייל דאס איז גערעכנט אזוי ווי איינער וואס נעמט אזאך מיט כח, און מיט גזילה. נאר מען דארף דאווענען און בעטן פאר ה' יתברך ברחמים ותחנונים, אויב השי"ת וועט געבן - וועט ער געבן, און אויב נישט - נישט". מוהר"ן לייגט צו און טייטש אז דאס איז די כוונה פון דער תנא וואס זאגט (אבות ב יג): "אל תעש תפלתך קבע אלא רחמים ותחנונים לפני המקום". די ווארט "קבע" קען אויך זיין טייטש פון לשון גזילה (ראה משלי כב כג); עקשן דיך נישט ביים דאווענען אז פון הימל וועט מען נאכגעבן דיין וואונטש, ווייל מיט דעם ביזסטו אזוי ווי איינער וואס נעמט מיט כח און גזילה, נאר דאוון אויף א וועג פון "רחמים ותחנונים לפני המקום".

'שלמי יום טוב'

## די קללה פון לבן ווערט איבערגעדרייט לברכה

**"וַיְבָרֲכוּ אֶת רִבְקָה וַיֹּאמְרוּ לָהּ אֲחֹתֵנוּ אַתְּ הֲיִי לְאַלְפֵי רְבָבָה וְיִירַשׁ זַרְעֵךְ אֵת שֹׂנְאָיו"** (כד ס)

מנהג ישראל איז צו וואונטשן די כלה בשעת'ן אויסשפרייטן די דעקטוך פארן גיין צו די חופה די ברכה: "אֲחֹתֵנוּ אַתְּ הֲיִי לְאַלְפֵי רְבָבָה" (ראה קיצור שו"ע קמז ג). און מען דארף פארשטיין - פארוואס האט מען אויסדערוועלט צו וואונטשן אין אזא דערהויבענע מינוט דווקא דער נוסח הברכה וואס איז ארויסגעקומען פון לבן'ס מויל?

ערקלערט דער **'חתם סופר'**:

ווי באקאנט איז געבוירן געווארן פאר רבקה צוויי קינדער וואס זענען געווען 'שני הפכים', יעקב און עשו. ווען לבן האט איר געוואונטשן: "אֲחֹתֵנוּ אַתְּ הֲיִי לְאַלְפֵי רְבָבָה" האט ער אינזין געהאט צו בענטשן די חלק פון די 'ברודערשאפט' וואס ער וועט האבן אין אירע קינדער, דאס מיינט דאך עשו'ס קינדער. כדי צושטערן זיין מחשבה וואונטשן מיר אן די כלה בשעת די חופה מיט זיין לשון, אבער מען דרייט איבער זיין כוונה מיטן זאגן: "אֲחֹתֵנוּ" - ד.מ. אונזער ברודערשאפט - די קינדער פון יעקב - דאס זאל געבענטש ווערן און זיין "לְאַלְפֵי רְבָבָה".

'תורת משה'

## רבקה האט זיך אפגעהאלטן פון אריבער גיין פאר א מתפלל

**"וַתִּשָּׂא רִבְקָה אֶת עֵינֶיהָ וַתֵּרֶא אֶת יִצְחָק וַתִּפֹּל מֵעַל הַגָּמָל"** (כד סד)

**רבי משה לייב ליטש רויזנבוים א תלמיד פון 'חתם סופר' ערקלערט:**

דער מדרש (ב"ר ס טו) זאגט אז ווען רבקה האט געזען יצחק'ן האט זי זיך אראפגעבויגן "מֵעַל הַגָּמָל", ווייל זי האט געזען אז "ידו שטוחה בתפילה". מען קען זאגן אז זי האט אזוי געטון ווייל די חכמים זאגן (ברכות כז א) אז מען מעג נישט אריבערגיין פאר איינער וואס דאוונט, דעריבער האט זיך רבקה אראפגעבויגן פון העכער די גמל כדי זי זאל נישט אריבער גיין פאר יצחק בשעת ער דאוונט.

'אמרות ה"'

# פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

## א סגולה אויף זיווג הגון

ענטפערן אמן איז זייער א באליבטע מצוה פאר הקב"ה. עס איז נישט קיין וואונדער אז אין דעם זענען אנגעהאנגען אזויפיל סגולות. יעדעס מאל ווער איך איבערגענומען פון דאסניי ווען איך באקום בריוון וואו די מענטשן דערציילן אויף פארשידענע ישועות וואס זיי האבן זוכה געווען אדאנק זייער התחזקות אין ענטפערן אמן.

פאר ארום צען יאר, אין די ערשטע יארן פון די 'בני אמונים' אקטיוויטעטן, האב איך באקומען א בריוו וואס זיין אינהאלט האט מיך זייער איבערגענומען און איז איינגעקריצט אין מיין זכרון ביזן היינטיגן טאג. דער בריוו איז געשיקט געווארן צו מיר דורך א חשובער בחור וואס האט זוכה געווען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל נאך א תקופה פון ווארטן עטליכע יאר, און דאס איז געווען דער אינהאלט:

"ממש לעצטנ'ס, נאך לאנגע יארן פון ווארטן, האב איך זוכה געווען מיטן אויבערשטנ'ס הילף אויפבויען א אידישע שטוב. עס איז א קלארע פאקט אז דער שידוך איז געווארן און צושטאנד געקומען נאך דריי חדשים וואס איך האב זיך מקבל געווען צו זאגן יעדן אינדערפרי די ברכות השחר מיט א חברותא. וועגן דעם פיל איך פאר ענק א געוואלדיגע הכרת הטוב, און אין די ערשטע געלעגנהייט וואס איך האב געקענט האב איך זיך אראפ געזעצט שרייבן פאר ענק א דאנק-בריוו.

די סיבה פארוואס איך הענג אן מיין ישועה אין אט די קבלה קומט נישט נאר פון מיין אינערליכן געפיל, איך האב אויף דעם באקומען א קלארע הסכמה פון איינער פון חשובע רבנים בדורינו, וואס האט באשטעטיגט מיין געפיל, און האט מיר אויך צוגעגעבן א סימן און א רמז אויף דעם: ביים באשאפן די פרוי שטייט אין תורה (בראשית ב, יח): "לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו"; די ראשי תיבות "אעשה... עזר כנגדו" זענען גימטריה 91, פונקט ווי די גימטריה פון 'אמן', און פון דעם קען מען לערנען אז די זכות פון מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן איז מזכה דעם מענטש מיט א 'עזר כנגדו'.

נישט אומזינסט האב איך באשלאסן דערמאנען די סגולה דווקא אין אונזער פרשה.

אין אונזער פרשה שילדערט די תורה די שליחות פון אליעזר עבד אברהם צו טרעפן א פרוי פאר יצחק אבינו, און מיר טרעפן אסאך אין די פריערדיגע ספרים וואס לערנען ארויס פון די שליחות אסאך יסודות אין עניני שידוכים. עס זעט אויס אז אויך די פאקט פון מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן איז א סגולה צו טרעפן א זיווג הגון איז דא מרומז:

די תורה דערציילט אז ווען אליעזר האט געפרעגט פון אברהם (כד, ה-ז): "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי", האט ער אים געענטפערט: "ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי ומארץ מולדתי... הוא ישלח מלאכו לפניך ולקחת אשה לבני משם"; מיר וועלן אנמערקן א וואונדערליכער זאך, די ראשי תיבות פון די ברכה פון אברהם אבינו: "הוא ישלח מלאכו לפניך ולקחת", זענען בגימטריה 'אמן'.

און צום שלוס נאך א רמז: אין פיוט "איש חסיד היה" וואס מען זאגט מוצאי שבת, בעטן מיר: "בורא עולם בקנין השלם זה הבנין". די ראשי תיבות: "בורא עולם בקנין השלם זה הבנין" איז גימטריה 'אמן'. אויסער דעם, די סופי תיבות: "בורא עולם בקנין" איז 'אמן'; האבן מיר א דאפלטע רמז אז דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן וועט זוכה זיין אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

עס זעט אויס אז ענטפערן אמן וואס עפענט אזויפיל טויערן, אזוי ווי די חכמים דרש'ענען (שבת קיט, ב) פון דער פסוק (ישעיה כב, ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמנים" - "אל תיקרי 'שומר אמנים' אלא 'שאומרים אמן', איז אויך מסוגל צו עפענען די טויערן פון א גוטער זיווג.

מיט א וואונטש "השלם זה הבנין" בקרוב

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# דוד המלך האט זיך אנטפלעקט אין מערת המכפלה

דאס גאנצע לעבן האט די מאמע פונעם צדיק רבי צבי הירש פון קאמינקא, פון די גדולי תלמידי הבעש"ט, זיך געבענקט ארויף גיין קיין ארץ ישראל, אבער איר שטארקע ווילן האט זיך אפגעהאלטן, ווייל אזא לאנגע נסיעה האט אין יענע טעג געקאסט אסאך געלט, און די צדיקת וואס איר פרנסה איז געווען ענג, האט נישט געהאט פון וואו צו האבן די נויטיגע סומע.

ויהי היום, אן ארעמאן א גוי, אנגעטון מיט אפגעריבענע קליידער און מיט שווערע שטיוול, האט געקלאפט אויף די טיר פון די צדיקת, ווען ער האט א בקשה אין זיין מויל: ער איז געקומען אין שטעטל זאמלען צדקה, אבער די זון איז היינט ווי ארויסגעקומען פון איר שיידעלע, און צוליב די אומדערטרעגליכע היץ קען ער נישט גיין מיט זיינע שווערע און ווארעמע שטיוול. ענדערשט וועט ער גיין אין די גאסן בארוועס, ווי צו גיין מיט שיך, וועגן דעם בעט ער דערווייל צוהאלטן זיינע שיך אין די רעביצין'ס הויז, ביז ער וועט צוריק קומען.

דער רעביצין האט גערן מסכים געווען, דער שלעפער האט איבערגעלאזט די שיך ביי די אריינגאנג פון שטוב און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג בארוועס.

ווען עס איז פארבי א טאג - צוויי און דער גוי איז נישט געקומען אפנעמען זיינע שטיוול, האט די רעביצין באשלאסן אוועקשטעלן די שטיוול אין א אפגעהיטן ארט, ביז ער בעל הבית וועט קומען זיי אפנעמען.

די זומערדיגע טעג זענען אדורך און די ווינטערדיגע טעג זענען געקומען, די פאר'יתום'דיגע שטיוול זענען כמעט פארגעסן געווארן פון הארצן, ביז דער יו"ט פסח איז אנגעקומען. אין בעפארבערייטונג צום יו"ט פסח, בשעת'ן ריינגן די שטוב, האט די רביצין זיך באגעגנט מיט די שיך, ז' האט זיי אויפגעהויבן כדי זיי אריבערפירן אויף אן אנדער ארט, אבער די שווערע שיך זענען אראפגעפאלן פון אירע הענט אויף די ערד, און צום גרויסן וואונדער, האט זיך געעפענט א 'מויל' און אנטפלעקט דעם סוד וואס ליגט אין זיי - א אוצר פון גאלדענע מטבעות.

יעצט האט דער רעביצין איינגעזען, אז יענער מאדנער וואנדערער איז נישט געווען נאר א שליח פון אויבן איר צו שיקן די סומע וואס ז' דארף האבן צו באצאלן איר רייזע קיין ארץ ישראל, איר לעבנ'ס וואונטש. טאקע, אויפן ארט האט ז' זיך געאיילט קויפן א בילעט אויף א רייזע מיט'ן שיף און זיך ארויסגעלאזט אויף דער שווערער נסיעה.


די 'בני אמונים' באס אין פראנט פון די קברי אבות אין חברון

נאך א רייזע פול מיט שוועריקייטן וואס האט פארענדיגט איר גאנצע געלט, איז די רעביצין אנגעקומען קיין ארץ הקודש אן גארנישט. ז' האט זיך גענויטיגט אין פרנסה, און וויבאלד אין די יארן וואס ז' האט געוואוינט אין קאמינקא איז ז' געווען געוואוינט צו העלפן ארימע מאמעס ביים געבורט פון די קינדער, האט ז' באשלאסן זיך צו פארשטעלן אין ארץ ישראל אלס א ערפארענע הייבאם-מילדת, און טאקע ברוב חסדי ה' איז איר נאמען באלד באקאנט געווארן אלס א ספעציאליסט וואס איז זייער מצליח.

ויהי היום, און פון דער הויף פון דעם סולטאן דער רשע, דעם ירושלימער מושל וואס איז געשטעלט געווען דורך די אטאמאנישער מלוכה, האט מען אין איילעניש געשיקט א שליח צו די ראשי הקהילה אין ירושלים מיט א קלארע פאדערונג: די לעבן פון דעם סולטאן'ס ווייב איז אין אין סכנה, און וויבאלד ער איז זיכער, אז די 'עם הנבחר' האט דער כח צו פויעלן פאר איר א ישועה, פאדערט ער פון די מיטגלידער פון די אידישע קהילה, זיי זאלן געפינען פאר איר א רפואה, אז נישט וועלן אלע ארויסגעטריבן ווערן פון שטאט.

פאר אלעמען איז געווען קלאר, אז די ערשטע אדרעס זיך צו ווענדן איז געווען די הויז פון די רעביצין. די רעביצין האט געהערט די בקשה און האט מסכים געווען. ז' איז צוגעגאנגען צו דער ארבעט מיט א תפילה צום בורא עולם, ער זאל איר העלפן ראטעווען די איינוואוינער פון דער שטאט פון דער סכנה וואס שוועבט איבער זיי. עטליכע מאמענטן נאכדעם וואס די רעביצין איז אריין אין פאלאץ, האט מען געהערט דורך די פענסטער געשריי'ען פון 'מזל טוב'. די סולטאן'ס פרוי האט געבוירן א זון.

דער סולטאן, וועלכער האט נישט געוואוסט וואו זיך אהינטראגן פון גרויס פרייד, האט געזוכט צו באצאלן דעם רעביצין פארן ראטעווען זיין פרוי'ס לעבן און דאס לעבן פון זיין זון - דאס ניי געבוירן קינד. ווען מען האט איר געפרעגט וואס בעט ז' פאר איר געצאלט, האט די רביצין געענטפערט א איבערראשנדע ענטפער: ביטע, אדוני הסולטאן, לאז מיך אריין אין מערת המכפלה, דאווענען אויף די קברים פון די אבות ואמהות.

לויט די באפעלן פון דער אטאמאנישער רעגירונג, איז די אריינגאנג אין די מערת המכפלה געווען שטרענג פארבאטן פאר אידן. די מוסלעמענער האבן געוועלטיגט אויפן ארט און האבן געזוכט פארמיידן די אידישע פיס פון אט די קברים. אבער נישט האבנדיג א ברירה האט דער סולטאן ערלויבט די רעביצין א איינמאליגע ערלויבעניש.

גלייך דערנאך וואס די באשטעטיגונג איז געגעבן געווארן, האט ארויסגעבראכן אין פאלאץ פון סולטאן א טומל. די מיניסטארן האבן נישט געקענט אויסהאלטן דעם פאקט אז דער סולטאן איז געצווינגען געווארן דורך א אידישע פרוי' עובר זיין אויף א אטאמאנישן געזעץ, און האבן צוזאמען געטראכט א עצה אקעגן איר. דער וועכטער פון די מערה וועט באקומען א באפעל אז באלד נאכדעם וואס די רעביצין וועט אריינגיין אין מערה, זאל ער נאך איר פארשליסן דעם טויער און איר דארט איבערלאזן צו שטארבן פון הונגער און דארשט.

פון פאלאץ פונעם סאלטאן האט די רעביצין זיך געאיילט פארן קיין חברון. ז' האט דערלאנגט דעם זעלטענעם סערטיפיקאט פארן וועכטער פונעם ארט. דער וועכטער, וואס האט שוין געוואוסט די דעטאלען פון דעם פאל, האט איר געלאזט אריינגיין און זיך געאיילט אויסצופירן דעם סולטאן'ס באפעל. בשעת די רעביצין איז געווען פארטיפט אין אירע תפילות ביי די קברים פון די אבות ואמהות, האט ער פארשלאסן די טיר הינטער איר און זיך געאיילט אוועקגיין פון דעם ארט.

די שעה'ן האבן זיך גערוקט, און די רעביצין האט זיך געאיילט צו פארענדיגן אירע תפילות, כדי אניאגן אנקומען צו איר הויז איידער עס ווערט פינסטער. ז' איז ארויף געגאנגען שטאט אויף די פינסטערע טרעפ, אבער ווען ז' איז דערגרייכט צום טויער, האט ז' אנטדעקט צו איר שרעק אז עס איז פארשפארט.

ז' האט פרובירט קלאפן אויפן טויער מיט אירע שוואכע כוחות, און האט אויפגעהויבן איר שטימע מיט א געוויין און געשריי. עס האט איר געדויערט עטליכע מינוט צו פארשטיין זייער בייזוויליגן פלאן, ז' זאל ענדיגן איר לעבן דא, אין דעם הייליגן ארט.

די רעביצין האט זיך דעמאלט אנגעגארטלט מיט אירע לעצטע כוחות און אנגעהויבן שרייען צו ה' ער זאל אויף איר רחמנות האבן און איר ראטעווען פון אזא ביטערן טויט. די רעביצין האט געשריגן ביז אירע כוחות האבן איר פארלאזט און ז' איז געפאלן אויף דער ערד פאר'חלש'ט.

מיטאמאל האט די רעביצין געפילט, אז עמיצער שטייט נעבן איר. ז' האט געעפענט די אויגן און דערזען א עלטערער איד מיט א שיינעם געשטאלט שטיין נעבן איר, האלטנדיג אין האנט א מגילה פון פארמעט. דער זקן האט איר בארואיגט און געזאגט: טאכטער'ל מיינע, שרעק דיך נישט, איך בין דיין עלטער זיידע, דוד מלך ישראל, און איך וועל דיך העלפן ארויסגיין בשלום פון דעם ארט, אבער וויבאלד דער רשע וואס האט דיך געוואלט טויטן וועט זיכער נישט שווייגן ווען ער וועט דיך זען גיין געזונטערהייט אויף די גאס, דעריבער באלד נאכדעם וואס איך וועל דיך ארויסנעמען דארפסטו ארופגיין אויף די ערשטע שיף אויפן וועג צו דיין היים אין קאמינקא.

בשעת'ן רעדן האט דוד המלך איר דערלאנגט דעם ספר תהלים וואס ער האט געהאלטן אין האנט ווי א סגולה אויף שמירה, און אינמיטן רעדן האט די רעביצין זיך געפונען שטייענדיג ווייט פון חברון מיט די תהלים אין די הענט.

ז' האט זיך געאיילט צו פארן צו די יפו-פארט און מיט די ערשטע שיף וואס איז ארויסגעפארן האט ז' זיך אומגעקערט צו איר הויז לשלום.

די מעשה וואלט מען קיינמאל נישט געוואוסט, ווען נישט א קורצע צייט בעפאר די פטירה פון איר אייניקל, דער צדיק רבי שמואל פון קאמינקא, האט דערציילט פאר זיינע ארומיגע די וואונדערליכע מעשה איבער זיין באבע די צדיקת.

'בית שמואל' [על מהר"ש מקאמינקא] עמ' מ

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## א פרוי וואס זאגט א ברכה אויף א מצוה שהזמן גרמא

**א פרוי וואס זאגט א ברכה אויפן מקיים זיין א מצות עשה וואס איז אנגעהאנגען אין א זמן, כאטש זי איז פטור פון די מצוה, מעג דער צוהערהער ענטפערן אמן אויף איר ברכה, אבער ער איז נישט מחויב. און עס זענען דא וואס זאגן אז מען איז מחויב ענטפערן אמן אויף איר ברכה.**

מקורות וביאורים:

דער 'שלחן ערוך' און דער רמ"א (או"ח תקפט ו) קריגן זיך צי פרויען זאגן א ברכה אויף א מצות עשה שהזמן גרמא; לויט דער 'שלחן ערוך' זאל מען נישט זאגן, און לויט דער רמ"א איז דער מנהג יא צו זאגן א ברכה. און דער 'פרי מגדים' שרייבט (אורח חיים קכד א"א יד) אז וויבאלד אויך לויט דער רמ"א איז די ברכה נישט קיין חוב, אויך ענטפערן אמן נאך דעם איז א רשות און נישט קיין חוב, און אזוי פסק'נט דער 'משנה ברורה' (קכד מז). אבער אין שו"ת 'בנין עולם' (או"ח סי' ה) און אין שו"ת 'שבט הלוי' (ח"י סי' מה) שטייט אז כאטש די פרויען זענען נישט מחויב צו זאגן א ברכה ווען זיי זענען מקיים א מצות עשה שהזמן גרמא, פון דעסוועגן ווייל זיי זאגן די ברכה בשם ומלכות, דער וואס הערט זייער ברכה איז מחויב ענטפערן אמן (וראה עוד בשו"ת 'משנה הלכות' חי"ח סי' צ).

## אמן אויף די ברכה 'על מצות תפילין'

**עס זענען דא וואס שרייבן אז די וואס פירן זיך זאגן א ברכה אויף תפילין של ראש, איז פאסיג אז זיי זאלן זאגן די ברכה שטיל כדי מען זאל נישט זיין מחויב צו ענטפערן אמן. אבער אויב האט מען יא געזאגט די ברכה הויעך, דארף מען ענטפערן אמן. און עס איז דא וואס שרייבט אז פון דעסוועגן זאל ער נישט ענטפערן מיט זיין מויל נאר טראכטן 'אמן' אין הארץ.**

מקורות וביאורים:

דער 'שלחן ערוך' און דער רמ"א (או"ח כה ה) קריגן זיך אין דער ענין פון די ברכה אויף תפילין: לויט די 'שלחן ערוך' זאגט מען "להניח תפילין" אויף די של ראש און של יד צוזאמען, און מען זאגט נישט א עקסטערע ברכה אויף די תפילין של ראש, אבער לויט דער רמ"א לייגט מען צו א באזונדערע ברכה אויף די תפילין של ראש, די ברכה "על מצות תפילין". לייגט אבער צו דער רמ"א אז נאך די ברכה זאל דער מברך זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", אזוי ווי איינער וואס זאגט א ברכה לבטלה (ראה או"ח רו ו), ווייל מען דארף חושש זיין צו די וואס האלטן מען זאל נישט זאגן די ברכה ('מגן אברהם' כה י. וראה משנ"ב שם כא). לויט דעם איז דער 'פרי מגדים' זיך מסתפק (א"א שם י) צי דער וואס הערט די ברכה זאל ענטפערן אמן אויף דעם, ווייל די ברכה איז דאך א ספק ברכה לבטלה, און אויף א ברכה לבטלה טאר מען נישט ענטפערן אמן (שו"ע או"ח רטו ד). וועגן דעם איז מחדש דער שו"ת רמ"ץ (סי' ו אות ו) מען זאל זאגן די ברכה שטיל, מען זאל עס נישט הערן און צוקומען צו א ספק ענטפערן אמן, און דער רמ"ץ פירט אויס: "און נישט ריכטיג איז וואס מענטשן זאגן די ברכה בקול רם און עס איז זייער ריכטיג מען זאל זיי אנווארענען אויף דעם", און אזוי איז גע'פסק'נט אין קיצור שלחן ערוך סי' י סעי' ד, און אזוי ווערט געברענגט אז דער 'חוזה מלובלין' האט זיך אזוי געפירט ('אהל הרבי' אור הנפלאות אות מב). אבער אין שו"ת 'האלף לך שלמה' (סי' נז) שטייט אז עס איז נישט קיין ספק אז מען דארף ענטפערן אמן אויף די ברכה פון די תפילין של ראש, און עס איז נישט ווי איינער וואס זאגט א ברכה שאינה צריכה וואס דער מברך טוט נישט ריכטיג און דער וואס ענטפערט אמן נאך אים ווערט גערעכנט ווי א מחזיק ידי עוברי עבירה. און אזוי ווערט געברענגט אין נאמען פון האדמו"ר רבי אברהם מטשכנוב (סידור 'צלותא דאברהם' ח"א עמ' לא) און אין נאמען פון בעל 'מנחת אלעזר' פון מונקאטש ('דרכי חיים ושלום' אות מז). אויך אין ספר 'זוהר חי' (ויגש רה א) ווארפט ער אפ מיט א שארפקייט די וואס פירן זיך זאגן די ברכה "על מצות תפילין" שטיל, און שרייבט: "און איך האב געזען געוויסע 'חסרי דעת' וואס זאגן די ברכה שטיל, כדי מען זאל נישט ענטפערן נאך זיי אמן און דאס איז א טפשות...".

אבער די פוסקים שרייבן אז אויך לויט די וואס האלטן מען זאל זאגן די ברכה שטיל, אויב איינער האט געזאגט הויעך די ברכה דארף דער שומע ענטפערן אמן נאך אים ('מסגרת השלחן' על קיצושו"ע שם; 'משנת התפילין' עמ' רמה בשם הגרי"ש אלישיב). אבער דער 'כף החיים' (או"ח כה מ) שרייב אז דער וואס הערט די ברכה זאל נישט ענטפערן אמן מיט זיין מויל נאר טראכטן אין הארץ.

# גדול העונה

פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן



**הגאון הגדול רבי ברוך דוב פוברסקי שליט"א**
ראש ישיבת פוניבז'

ענטפערן אמן, אויסער וואס זי איז א חשובע מצוה און א ערנסטע טייל פון דער עמוד התפילה, איז אין דעם דא אסאך סגולות, און באשיצט דעם מענטש פון אלעם שלעכטן. כדי צו ערקלערן דעם געוואלדיגן כח וואס ליגט באהאלטן אין ענטפערן אמן וועלן מיר פון פריער ערקלערן א פסוק פון די וואכעדיגע פרשה.

די תורה דערציילט (בראשית כד כב) ווען אליעזר האט געטראפן רבקה נעבן די קוואל, האט ער איר געגעבן צוויי צמידים וואס זייער וואג איז עשרה זהב. רש"י אויפן פלאץ ברענגט וואס חז"ל זאגן (ב"ר ס ו) אז די מתנה איז געגעבן געווארן פאר רבקה אקעגן די שני לוחות הברית וואס אין זיי איז געשריבן די עשרת הדברות.

אין די ווערטער פון די חכמים ליגט באהאלטן א טיפן געדאנק; ווען ער האט איר געגעבן די צוויי צמידים האט אליעזר קלאר געשטעלט פאר רבקה אז אברהם אבינו איז טאקע א גרויסער עושר, אבער זיין עשירות ווערט נישט ארויסגעברענגט מיט געלט, נאר אין גייסטיגע זאכן, און זי דארף וויסן אז זי גייט אריין אין א הויז וואו דארט איז נישט פאראן קיין אנדערע זאך אויסער קיום התורה והמצוות. אליעזר האט זיך געלערנט פון אברהם אבינו אז עס איז נישטא קיין 'עולם הזה', און די גאנצע שפע און ברכות וואס דער מענטש איז זוכה איז נאר כדי זוכה זיין צו עולם הבא!

דאס איז די תכלית פון יעדער מענטש, און דאס איז אויך דער הסבר אויף די גרויסע סגולה פון ענטפערן אמן: ווען מיר זאגן אמן רופן מיר אויס אז מיר האבן נישט אויף דער וועלט קיין זאך אויסער הקדוש ברוך הוא - אין עוד מלבדו! און דאס איז די תכלית פון באשאפן דער מענטש. ווען דער מענטש טוט איינערקענען דורך ענטפערן אמן וואס איז אים מזכה מיט א ברכה, קומט זיך אים אלע ברכות.

כינוס 'בני אמונים' אב תשע"ו



**אָמֵן - לְמַעַן יַאֲרִיכֻן יָמֶיךָ**

"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל" (כד א)

רש'ענען די בעלי התוספות: "'זָקֵן בָּא בַּיָּמִים' - איז סופי תיבות 'אמן'. פון דא זען מיר אז יעדער וואס ענטפערט אמן ווערט מאריך ימים זיין" ('תוספות השלם')

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### דער מאמין דארף ענטפערן אמן מיט כוונה

אין זיין ספר 'כד הקמח' (ערך אמונה) לייגט צו און שרייבט רבינו בחיי קלארע ווערטער אויף דער חוב פון דער 'מאמין' מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, און אזוי שרייבט ער: "א מענטש דארף אכטונג געבן ביים דאווענען און ביי די ברכות ער זאל ענטפערן נאך זיי אמן, וואס די ווארט קומט פון די לשון אמונה. און יעדער וואס זיינע זיידע'ס זענען געשטאנען אויפן בארג סיני און האבן מקבל געווען די תורה וואס ווערט אנגערופן אמונה, און ער איז פון די אייניקלעך פון אברהם אבינו 'ראש האמונה', וואס אויף אים שטייט (בראשית טו ו): 'והאמין בה'', דארף צוליגן הארץ און מחשבה ביים ענטפערן אמן; נישט אז דער שליח צבור זאל זאגן די ברכות און ער זאל זיין ווי א טויבער וואס הערט נישט און ווי א שטימער וואס עפענט נישט זיין מויל, אדער ער זאל רעדן מיט זיין חבר ווי ער וואלט געווען אין גאס, אזוי ווי דער מנהג פון עטליכע פון אונזער פאלק וואס זענען מקיל אין דעם".

### אמן איז עדות אויף די אמונה

אויף די גמרא (שבת קיט ב): "מאי 'אמן'? אמר רבי חנינא: א-ל מלך נאמן", ערקלערט רש"י (שם ד"ה א-ל): "כך מעיד על בוראו שהוא א-ל מלך נאמן". קומט אויס אז ביים ענטפערן אמן טוט דער מענטש דערקלערן און איבערגעבן עדות אויף זיין אמונה אין מציאות ה' און אין זיין קעניגרייך. און אזוי שרייבט רבי יעקב עמדין אין ספר 'סולם בית אל' (המודפס בראש סידור 'בית יעקב' דף ו ע"ב), אז די כוונה פון ענטפערן אמן איז אזוי: "זיגלט אפ און באשטעטיגט דער עניין, גלייבן באמונה שלמה, ריכטיגע אמונה, אז עס איז ריכטיג אז ברוך הוא ברוך שמו דער מקור החיים און ברכות שמים, ונחתום בטבעת המלך...". א מענטש וואס פילט אזוי ווארט אפ יעדע געלעגנהייט צו ענטפערן אמן, ווייל די אמונה איז דער יסוד און שורש פון די עבודה פון דער מענטש אויף דער וועלט און דאס איז די תכלית פון אלעס.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין וואס עס שטייט אין דעם פריערדיגן ספר מוסר 'דרך משה' (ליום יא) אז 'אמן' איז ר"ת "אני מוסר נפשי", "ווייל יעדער איז מחויב זיך מוסר נפש זיין אויף ענטפערן אמן"; ענטפערן אמן איז פון די יסודות פון די אמונה, און אויף אמונה איז דער מענטש מחויב זיך מוסר נפש זיין ('נוטרי אמן' ח"א עמ' לג).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**לכבוד די 'וכל מאמינים' רעדאקציע**

אין דעם גליון פון יום-טוב סוכות, האט הרב יעקב דוב מארמארשטיין אין זיין וואונדערבארן און גוט ערקלערטן מאמר ארום געגרעדט ברייט אויף דער קשר צווישן די מצוה פון סוכות און די מצוה פון ענטפערן אמן.

א יישר כח אויף די וואונדערליכע ווערטער וואס האבן צוגעלייגט אינהאלט און טיפקייט צו די צוויי מצוות. אונז זענען מיר זוכה אכטונג געבן דורכן יאר צו ענטפערן אמן, אבער דאס יאר אין די סוכות טעג, האבן די ווערטער אונז מעורר געווען צו זיין מער אפגעהיטן צו ענטפערן אמן.

כיהודה ועוד לקרא, וויל איך צוגעבן אין דעם עניין א וואונדערבארן געדאנק וואס איז מיר ארויפגעקומען אין מח און קען זיין נוצליך אויף דעם קומענדיגן יאר הבעל"ט, ווייל אין דעם טאג פון שמחת תורה זענען אלע געוואוינט עולה זיין, ווען יעדער איז זוכה צו זאגן צוויי ברכות - בעפאר און נאכן ליינען, קען יעדער איד זיך איינזאמלען ניינציג אמן אויף ברכות, אן קיין ספעציעלע מי.

ענק האבן שוין אסאך מאל געברענגט די שיטה פון הרמ"ע מפאנו (שו"ת, סי' קט) וואס דער 'מגן אברהם' (או"ח ו ט) ברענגט, אז א מענטש דארף ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנים אויף ברכות, אויסער די אמן וואס מען דארף ענטפערן אויף די קדישים. יו"ט שמחת תורה איז אייגנארטיג מיט דעם אז עס איז מעגליך גרינג צוזאמשטעלן ניינציג אמן אויף ברכות אין דעם געוויינליכן סדר היום.

מיט דער הנהגה געפינען מיר זיך ענדיגן די 'ימים טובים פון תשרי וואס עפענען דעם נייעם יאר הבעל"ט מיט'ן מקפיד זיין ענטפערן אמן, און אפשר אז דאס איז איינע פון די כוונות פונעם אויבן דערמאנטן מנהג, און נישט אומזיסט ענדיגן מיר דעם 'רשות לחתן בראשית' מיט די ווערטער: "אמן יענו אחריך הכל מהרה".

**מיט גרויס כבוד און שעצונג**<br>
**און מיט א ברכה אז הכל יענו אחריכם אמן מהרה**<br>
**יהודה לייב גאלדמאן**<br>
**בית שמש**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102<br>
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


א געסל אינעם אידישן קווארטל אין גירונא, שפאניע

### רבינו יונה גירונדי
### כ"ח חשון ה"א כ"ד

החסיד רבינו יונה ב"ר אברהם גירונדי, פון די גדולי הראשונים וואס האבן אויפגעטון אין שפאניע, איז געבוירן ארום די יאר ד' אלפים תתק"ע.

אין זיין יונגט האט ער געלערנט תורה פון די חכמי צרפת און פרובאנס. אין צרפת איז ער באאיינפלוסט געווארן פון די דרך הלימוד פון די בעלי התוספות און פון די שיטת המוסר פון די 'חסידי אשכנז'. זיין עיקר תורה האט ער מקבל געווען פון רבי שלמה מן ההר. ער איז געשטאנען מיט נאנטע באציאונגען מיט זיין שוועסטער-קינד פון זיין דור דער רמב"ן, וואס איז אויך געווארן זיין מחותן, ווען רבי שלמה דער זון פון רמב"ן האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון רבינו יונה.

רבנו יונה איז באקאנט געווען מיט זיין יראת שמים און חסידות, און צוליב דעם האט מען אים גערופן 'החסיד'. ער איז בעיקר באקאנט געווארן אדאנק זיינע חיבורים, צ.ב.ש.: 'שערי תשובה'; 'עליות דרבנו יונה' אויף מסכת בבא בתרא א.נ.א. אבער ער האט אויך מרביץ תורה געווען און אויפגעשטעלט ישיבות; אין אנהויב אין שטאט גירונא און נאכדעם אין ברצלונא.

אין זיינע שפעטערדיגע יארן איז ער פארבעטן געווארן דורך די איינוואוינער פון די שטאט טאלעדא זיך באזעצן אין זייער שטאט, און האט דארט אויפגעשטעלט א גרויסע ישיבה. ער איז נפטר געווארן אין טאלעדא כ"ח חשון ה"א כ"ד, און איז דארט באערדיגט געווארן.

### א דאפלטע שכר אויף ענטפערן אמן

אזוי שרייבט רבינו יונה אין 'אגרת התשובה' (אות ט) איבער די מעלה פון ענטפערן אמן נאך חזרת הש"ץ:

"ווען דער שליח ציבור דאוונט איבער, דארף מען ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה. און אינזין האבן ביי יעדע ברכה זאל מען זיך ווייסן אויף וועלכע ברכה ענטפערט מען אמן, און ער באקומט אויף דעם א דאפלטע שכר, און דאס איז אזוי ווי איינער וואס דאוונט צוויי מאל איינמאל נאכן צווייטן. און די חז"ל זאגן אין מדרש (ראה מדרש תהילים כז) אויב האסטו געדאוונט און נישט אינזין געהאט און דו האסט נאכאמאל געדאוונט, זאלסטו זיין זיכער אז דיין תפלה איז אנגענומען געווארן" ('אגרת התשובה' אות ט).

### ענטפערן אמן געלאסן

מען דארף אכטונג געבן ענטפערן אמן געלאסן און נישט ארויסזאגן שנעל און אפגעכאפט, ווייל אזוי טייטש רבינו יונה (ברכות לה א מדה"ר) די מאמר חכמים (ברכות מז א): "כל העונה אמן חטופה יתחטפו ימיו": "'חטופה' איז טייטש אז ער כאפט אפ די ווארט און זאגט עס שנעל".

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com